# יידיש טעאַטער זוכט נייע וועלטטיילן...

## זכרונות־בלעטער פון אַ פּיאָנער פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע

פון

## שמואל וויסבערג

* * *

ש. וויסבערג, דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל, איז אַ ייד אין די גוטע זיבעציקער. זיינע זכרונות־בלעטער גיבן מיר דאָ פּונקט אַזוי ווי זיי זענען אונז איבערגעגעבן געוואָרן. אַט אַזוי זענען זיי אינטערעסאַנטער.

די לעזער פון אונזער אַלמאַנאַך וועלן אפשר האָבן טענות: אַן אַרטיקל וועגן אַ יידישן טעאַטער־עפּיזאָד פון פאַר דרייסיק יאָרן איז דאָ, נאָר אַן אַרטיקל וועגן היינט איז נישטאָ. עס איז פּשוט דערפאַר, ווייל ביים היינטיגן טאָג איז אַ ריכטיק יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע נישטאָ — פּונקט ווי עס איז קיינמאָל נישט געווען און אויך נישט געקענט זיין ביי אַזאַ מאָגערער יידישער באַפעלקערונגס־ציפער.

און דאָך איז דאָ יידיש טעאַטער כסדר געשפּילט געוואָרן און ווערט — אָבער נאָר פון צייט צו צייט און נאָר פון אַמאַטאָרישע טרופּעס.

געשפּילט האָט מען אין מעלבאָרן, סידנעי, פּערט און בריזבעין, נאָר דער עיקר אין מעלבאָרן. דאָ נעמען די אַמאַטאָרישע יידישע טעאַטער־אויפפירונגען אָן אַ מער סטאַבילן כאַראַקטער.

אַ קוריאָז ווערט צו פאַרצייכענען: דעם 2טן אויגוסט 1914, ווען די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון מיט דער בלוטיקער בשורה פון דער וועלט־מלחמה, האָט מען אין סידנעי מיט גרויס ערפאָלג אויפגעפירט „כינקע פינקע"... די אויפפירער זענען געווען ראובן פינקעלשטיין, (געשטאָרבן 1937) זיין פרוי און דער אמאַ־





טאָרן־קרייז אַרום זיי. דער דאָזיקער קרייז איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען דער סאַמע אַקטיוויסטער. טעאַטער איז אַ צייט לאַנג דאָ געווען דעם דערמאָנטן פינקעלשטיינס פּראָפעסיע.

זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (היגער פאַרטרעטער סעם פּאַדעם) פאַרצייכנט עטליכע נעמען פון יידישע אַקטיאָרן אין אויסטראַליע. עס זענען פּרל. חיה סעגאַל און שלמה מענדעלסאָן, דער לעצטער איז אין זיין יוגנט געווען אַ פּראָפעסיאָנאַליסט, זיין נאָמען געפינט זיך שוין צענדליקער יאָרן כסדר אויף די אַפישן פון היגן יידישן טעאַטער־שפּילן.

1927 באַזעצט זיך אין מעלבאָרן דער אַקטיאָר יעקב גינטער. איידער ער איז אַהער געקומען איז ער צען יאָרן לאַנג געווען אַ פּראָפעסיאָנאַליסט אין פּוילן. געשפּילט מיט מערערע טרופּעס אין לאָדז און אויף דער פּראָווינץ. פלעגט אויפטרעטן אין איין אַנסאַמבל מיט מאַרעווסקי, קוטנער, קאַמען, שטיין, בולאָוו און אַנדערע.

אין פאַרשידענע אַמאַטאָרן־קרייזן אין משך פון די יאָרן פירט ער דאָ אויף אַן ערך 35 פּיעסן, כמעט אויסשליסלעך פון ליטעראַרישן רעפּערטואַר — אש, גאָרדין, גאָמבערג, דימאָוו, שלום עליכם, קאָברין, פּרץ, ערשט לעצטנס בערקאָוויטשעס „אונטערן צלם" אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל אין צענטער פון דער שטאָט.

אין 1935-36 ווײלט דאָ דער פּראָפעסיאָנעלער שוישפּילער נתן גינטער פון דרום־אַמעריקע. רעזשיסירט אַשס „מאָטקע גנב" און נאָך אַ צוויי־דריי פּיעסן, אָבער פאָרט סוף כל סוף צוריק אַוועק קיין דרום אַמעריקע.

לעצטנס רעזשיסירט אויך עטליכע פּיעסן אין קרימה דראַמאַטישן קרייז, אַ געוועזענער רוסישער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, ישראל ראָטמאַן, אַן אַבסאָלווענט פון אַ דראַמאַטישער שולע אין אָדעס. איידער ער קומט קיין מעלבאָרן רעזשיסירט ער יידישע פּיעסן אין בריזבעין און אין סידנעי.

אין 1937 — גאָר לעצטנס — האָט זיך אין מעלבאָרן באַזעצט דער יונגער וואַרשעווער אַרטיסט (רעציטאַטאָר און זינגער)

אברהם ברייזבלאַט — אבסאלווענט פון דר. מ. ווייכערטס טעאַטער־סטודיע — זיינע פּלענער: גרינדונג פון א שטענדיקן רעווי־טעאַטער.

ווי אומעטום און ווי אַלעמאָל זענען אויך אין אויסטראַליע די אַמאַטאָרישע טעאַטער־קרייזן זייער לאַביל: עס האָבן עקזיסטירט, אָדער עקזיסטירן נאָך, דריי אַזעלכע גרופּן.

1. דער „קדימה" דראַמאַטישער קרייז.
2. פאַריין „יידישע בינע".
3. „קדימה" — דראַמאַטישער בינע־פאַריין.

אין די דאָזיקע קרייזן האָבן אנטיילגענומען, אָדער נעמען אנטייל, אַן ערך פערציק אַמאַטאָרן, מאַנכע פון זיי מיט עקשנות־דיקער איינגעשפּאַרטקייט, און אויך מיט בינע־באַגאַבונג, שוין צענדליקער יאָרן.

נישט וועלנדיק ארויסזאָגן, דורך באַזונדערס פאַרצייכענען זייערע נעמען, אונזער מיינונג וועגן קיינעם פון די ענטוזיאַסטן, וואָס גרייטן צו, אָן שום אייגענעם מאַטעריעלן אייגן־נוצן, דעם באָדן פאַר א קומענדיקן סטאַבילן יידישן טעאַטער אויף דעם היגן פּלאַץ, און נישט קענענדיק אויסרעכענען א ל ע צענדליקער נעמען — האָבן מיר פאַרצייכנט דאָ נאָר די, וואָס דער טעאַטער־לעקסיקאָן האָט פאַרשריבן און די פריערדיקע פּראָפעסיאָנאַלן.

זינט דעם אויפבוי פון דעם נייעם „קדימה"־בנין קומען פאָר די מערסטע היגע יידישע אויפפירונגען אין גרויסן זאַל פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

צום גרעסטן טייל פון די מעלבאָרנער יידישע טעאַטער־אויפפירונגען מאָלט מ. ש ע כ ט ע ר די דעקאָראַציעס.

און איצט וועט קומען צום וואָרט דער סעניאָר־ענטוזיאַסט פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע.

(רעד. פון אלמאַנאַך)





* * *

מאַנטיק, דעם 2טן נאָוועמבער 1908, בין איך אָנגעקומען מיט דער שיף „וואַלקאַניע" קיין מעלבאָרן. ווען איך בין אַראָפּ פון שיף איז צו מיר צוגעקומען א אָנגעזעענער ייד, מיט א שיינער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, און פרעגט מיך: זענט איר מיסטער ווייסבערג? יאָ. — מיין נאָמען איז מאַלינסקי, איך האָב דערהאַלטן א בריוו פון לאָנדאָן, אַז איר קומט מיט דער שיף, און איך זאָל אייך ערוואַרטן. מיך האָט זייער געפרייט זיין הערצליכע באַגריסונג און זיין הייסער שלום־עליכם אין דעם נייעם לאַנד. איך האָב הערצליך געדאַנקט און מיסטער מאַלינסקי האָט מיך גענומען אַהיים צו זיך, מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין ווייב מיט זיינע... 6 שיינע טעכטער, דער טיש איז געווען געדעקט צום מיטאָג, די אַטמאָספערע האָט געשמעקט יום־טובדיק. ווי מען וואָלט דאָ עפּעס דערוואַרטעט א חשובן גאַסט...

מיסטער מאַלינסקי איז געווען א קלוגער, געלאַסענער, רואיקער מענטש. ער איז געווען פון די סאָרט מענטשן, וואָס ווען מען גיט א בליק אויף זיי, מוז מען זיי רעספּעקטירן. זיצנדיק ביים טיש, ביי דעם ריינעם, שיינעם, געשמאַקן מיטאָג, האָבן מיר נאַטירליך אַביסל געפּלוידערט פון פאַרשידענע זאַכן. ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם טיש, זענען מיר אַריין אין מר. מאַלינסקיס הויף, באַוואַקסן מיט בלומען, צו כאַפּן אַביסל פרישע לופט.

עס איז גראָד געווען א זייער הייסער טאָג. זעצנדיק זיך אויף א גראָז־באַנק, זאָגט הער מאַלינסקי צו מיר: הער ווייסבערג, לויט דעם בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון מיין ברודער וועגן אייך, ווייס איך גענוי צוליב וואָס איר זענט געקומען קיין אויסטראַליע, עס טוט מיר הערצליך לייד אייך צו זאָגן, אַז איר האָט געמאַכט א טעותדיקן שריט. — איר מיינט, מיסטער מאַלינסקיס, ענטפער איך, אַז איך וועל דאָ נישט קענען שפּילן יידיש טעאַטער? — איך גלויב קוים. — וואָס?, זענען דען דאָ קיין יידן נישטאָ? — זייער ווייניק, אין גאַנץ מעלבאָרן געפינען זיך אפשר 200 פאַמיליעס, און די מערסטע טייל פון זיי זענען ענגלישע יידן,